**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/22/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאָווערנאָר האקול שרייבט אונטער שטים רעכטן לעגיסלאציע צו פארברייטערן צוטריט צום שטים קעסטל און פארבעסערן וויילער אנטיילנעמונג

***לעגיסלאציע S3505-B/A4282-B באפעלט אז געוויסע לאקאלע עלעקשאנס זאלן ווערן אפגעהאלטן אויפן וואל טאג אין גלייכע-נומערן יארן***

***צוזאמשטעלן נאך עלעקשאנס אין גלייכע-נומערן יארן וועט פארמערן ווייל‏ער אנטיילונעמונג אין לאקאלע עלעקשאנס***

***גאווערנאר מעלדט שטיצע פאר צוקונפטיגע קאנסטיטוציאנאלע אמענדמענט צו צוזאמשטעלן אלע וואל דאטומען, שפארנדיג שטייער-צאלער געלטער פאר מיוניסיפאליטיס דורכן פארמינערן וואל אדמיניסטראציע קאסטן***

גאווערנאר האקול האט היינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע צו פארברייטערן צוטריט צום שטים קעסטל און פארגרינגערן פאר ניו יארקער צו שטימען אין לאקאלע וואלן וואס אפעקטירן זייערע לעבנס. לעגיסלאציע S3505-B/A4282-B טוט אפדעיט'ן דעם וואלן קאלענדער דורכן צוזאמשטעלן פיל לאקאלע וואלן וואס ווערן יעצט געהאלטן אין אומגלייכע-נומערן יארן מיט סטעיטווייד און לעגיסלאטיווע וואלן וואס ווערן געהאלטן אין גלייכע-נומערן יארן.

"עס קומט זיך פאר יעדע בארעכטיגטער ניו יארקער דעם רעכט צו אנטיילנעמען אין די דעמאקראטישע פראצעדור אן קיין אומנויטיגע באגרעניצונגען," **האט גאָווערנאָר האקול געזאגט.** "דורכן אונטערשרייבן די לעגיסלאציע, נעמען מיר די באדייטנדע שריט צו פארברייטערן צוטריט צום שטים קעסטל און מוטיגן א מער אנטיילנעמענדע דעמאקראטיע. דאס איז א באדייטנדע ערשטע שריט און איך וואלט געשטיצט א קאנסטיטוציאנאלע אמענדמענט צו צוזאמשטעלן אלע וואל יארן, כדי צו שפארן שטייערצאלער דאלארן און פארמיידן ווייל‏ער פארמאטערטקייט."

לעגיסלאציע S3505-B/A4282-B וועט אריבערפירן פיל קאָונטי און טאון וואלן פון אומגלייכע-נומערן יארן צו גלייכע-נומערן יארן. די לעגיסלאציע אפעקטירט אלע וואלן פאר וועלכע די דאטומען קענען ווערן געטוישן דורך לעגיסלאטיווע שריט; טוישן וואל דאטומען פאר געוויסע אפיסעס, אריינגערעכנט ריכטערשאפט און אמטן אין סיי וועלכע סיטי אין ניו יארק סטעיט, מוז געטון ווערן דורך א קאנסטיטוציאנאלע אמענדמענט. גאָווערנאָר האקול האט געמאלדן איר שטיצע פאר א צוקונפטיגע אמענדמענט צו די ניו יארק סטעיט קאנסטיטוציע וואס וואלט צוזאמגעשטעלט וואלן פאר אלע אמטן - א פיסקל-פאראנטווארטליכע צוגאנג וואס וואלט פארמינערט די שטייערצאלער קאסטן פון וואל אדמיניסטראציע דורכן פארמיידן דעם געברויך פאר וואלן צו ווערן דורכגעפירט יעדעס יאר.

דורך פאראייניגן מער וואלן אין גלייכע-נומערן יארן ווען רוב ווילער פלאנירן שוין צו אנטיילנעמען אין א וויילונג, וועט דער טויש פארמערן ווילער אנטיילנעמונג אין וויכטיגע לאקאלע פארמעסטן. ווילער אנטיילנעמונג אין וואלן וואס ווערן געהאלטן אין גלייכע-נומערן יאר אין ניו יארק סטעיט איז באדייטנד העכער ווי אנטיילנעמונג אין אומגלייכע-נומערן יארן. צום ביישפיל, מיליאנען מער ניו יארקער האבן אנטיילגענומען אין וואלן אין 2020, ווען אומגעפער 64 פראצענט פון בארעכטיגטע ווילער האבן אפגעגעבן זייער שטימע, ווי אין 2021, ווען בלויז 25 פראצענט בארעכטיגטע ווילער זענען ארויסגעקומען אנטיילנעמען אין לאקאלע וואלן ארום די סטעיט.

ווען וואלן ווערן געהאלטן אין אומגלייכע-נומערן יארן, אוועק פון די טראדיציאנעלע וואלן רונדע וואס רוב ווילער זענען מערסט באקאנט מיט, ווערן די קאסטן פון אנטיילנעמען אין די דעמאקראטישע פראצעדור פארמינערט, ספעציעל פאר ווילער וועלכע קענען האבן שוועריקייטן פארן אראנדזשירן צייט אוועק פון דער ארבעט און פארן צו זייער וואל ארט. דעמאקראטיע ארבעט אמבעסטן ווען בארעכטיגטע ווילער קענען אנטיילנעמען, און די נייע געזעץ ברענגט נענטער ניו יארק סטעיט צו דעם ציל. אנדערע סטעיטס און יוריסדיקציעס ארום דאס לאנד האבן געמאכט ענליכע קאמאן-סענס צופאסונגען צו זייער וואל קאלענדערס און האבן דערנאך געזען באדייטנדע העכערונגען ווילער אנטיילנעמונג אין לאקאלע וואלן.

**ליוטענענט גאווערנאר אנטאניא דעלגאדא האט געזאגט,** "פארזיכערן צוטריט צום שטים קעסטל איז דער עיקר פון ערמעגליכן אונזער דעמאקראטיע. דער געזעץ וועט העלפן אויסגלייכן וואלן, שאפנדיג א מער פראקטישע און צוגענגליכע פראצעדור. ניו יארק איז שטאלץ צו זיין א פירער אינעם פארמערונג פון וואל רעכטן."

**סטעיט סענאטאר דזשעימס סקופיס האט געזאגט,** "עס איז אונזער פאראנטווארטליכקייט צו ערמעגליכן אן אומגעבונג וואו רוב ווילער זענען אקטיוו זענען אקטיוו פארמישט אין זייערע לאקאלע וואלן, אויסוועלנדיג פירערס וואס פארטרעטן באמת זייערע געברויכן. צוזאמשטעלן טאון און קאַונטי וואלן איז א דאפלטע געווינס פארשלאג וואס דאס איז די סיבה פארוואס א סיגנע קאלעדזש אויספרעג האט געפינען ברייטע שטיצע פאר דעם שריט צווישן אלע פארטייען און באפעלקערונגען. עס וועט מער ווי פארדאפלען די אויסקום אין לאקאלע פארמעסטן, שפארן שטייערצאלער דאלארן, און אנהויבן פארגרינגערן די העכסט אומאייניגע געמיש פון וואלן אינעם שטאט. איך דאנק באמת גאָווערנאָר האקול פארן דורכגעטראכטערהייט דורכשניידן גרעניצן און שטיצן דעמאקראטיע - אונטערשרייבן דעם געזעץ איז א טראנספארמירנדע געווינס פאר ווילער אנטיילנעמונג, אייניגקייט, און פארשטייענדע רעגירונג."

**אסעמבלי מיטגליד מישעל ס. סאלאדזשעס, פארזיצער פון די שווארצע, פארטא ריקאנער, היספאנישע און אזיאנער לעגיסלאטיווע קאוקוס, האט געזאגט,** "אלס פארטרעטער פון פארשידנארטיגע קאמיוניטיס אין די סטעיט, איז די קאוקוס געטריי צו פארזיכערן אז יעדע ניו יארקער האט די מעגליכקייט צו נוצן זייער רעכט צו שטימען און אנטיילנעמען אין דעמאקראטיע. דורכן פארגרינגערן דעם וואלן פראצעדור און עס פאראייניגן מיט א צייט פון פארמערטע ציווילע אקטיוויטעט, צילט ניו יארק סטעיט צו שטארקן די ווילער אנטיילנעמונג און באפולמעכטיגן ארימע קאמיוניטיס צו אויסוועלן גוטע פארטרעטונג ביים לאקאלן שטאפל. עס איז נישטא קיין צווייפל אז דער געזעץ איז א געווינס פאר מענטשן, און איך שליס זיך אן מיט מיינע קאלעגעס אין באדאנקען גאָווערנאָר קעיטי האקאל פארן אונטערשרייבן דעם פארשלאג אלס געזעץ."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזאקוטיוו דזשארדזש לאטימער האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאָווערנאָר קעיטי האקול פארן אונטערשרייבן די לעגיסלאציע וואס ברענגט טייל לאקאלע וואלן צו גלייכע-נומערן יארן. א צאל קאונטיס האבן שוין געהאלטן גלייכע-נומערן יאר וואלן פאר קאונטי עקזאקוטיוו און קאונטי לעגיסלאטור, און דאס וואלט דאס סטאנדארטיזירט איבעראל ווי איך געדינט אלס פאזיטיווע רעזולטאט

פאר קאונטי פארמעסטן אין וועסטשעסטער. מיר וואלטן געזען פארמערטע ווײלער טורנאויט און מער אנטײלנעמונג אין די קריטישע פארמעסטן דא און סיי וואו דורכאויס די סטעיט."

**ריאינוועוענט אלבאני עקזעקיוטיוו דירעקטאר דזשאן קאעני האט געזאגט**, "ריאינוועוענט אלבאני דאנקט גאָווערנאָר האקול פארן אונטערשרייבן 'גלייכע יארן וואלן' אלס געזעץ, וואס וואלט דירעקט געפירט צו דעם אז מער ניו יארקער זאל שטימען אין לאקאלע פארמעסטן. מיר דאנקען דעם גאָווערנאָר פארן גיין פאראויס מיט דעם קאמאן-סענס געזעץ און נעמען שריט צו שטארקן ניו יארק'ס דעמאקראטיע אין א פראקטישע און זאפארטיגע וועג. א דאנק ספארנסאר סענ. סקופיס און AM פאולין און די פילע אדוואקעיטס וועלכע האבן דאס געמאכט פאסירן."

**קאמאן קאוז עקזעקיוטיוו דירעקטאר סוזען לערנער האט געזאגט,** "רוקן לאקאלע וואלן צו גלייכע יארן וועט פארמערן טורנאויט, פארמינער ווײלער פארמאטערטקייט, און מינימיזירן סטרעס אויף די לאקאלע באורדס אוו עלעקשאנס. עס איז א געווינס פאר ווײלער, וועלכע וועלן הערן דירעקט פון לאקאלע קאנדידאטן וועגן לאקאלע אישוס. מיר זענען גליקליך אז גאָווערנאָר האקול האט אונטערגעשריבן דעם פרא-ווײלער ריפארם אלס געזעץ."

**סיטיזענס יוניאן עקזעקיוטיוו דירעקטאר בעטסי גאטבוים האט געזאגט,** "סיטיזענס יוניאן אפלאדירט גאָווערנאָר קעיטי האקאל פארן אונטערשרייבן אלס געזעץ לעגיסלאציע וואס וועט רוקן קאַונטי און טאון וואלן צו גלייכע-נומערן יארן, און באדאנקט סטעיט סענאטאר דזשעימס סקופיס און אסעמבלי מיטגליד עימי פאולין פאר זייער פירערשאפט מיטן דורכפירן דעם ביל. דא באצייכנט א גרויסארטיגע דערגרייכונג אינעם אנגייענדן פרואוו צו שטיצן ציווילע באטייליגונג אין ניו יארק. צוזאמשטעלן לאקאלע וואלן מיט הויכע-פראפייל פארמעסטן וועט פירן צו פארמערטע ווײלער טורנאויט, ספעציעל צווישן יונגע מענטשן און טונקל-הויטיגע מענטשן. די לעגיסלאציע איז דער ערשטער שריט צו שאפן א וואלן קאלענדער וואס דינט ווײלער און מוטיגט באטייליגונג, און געזעץ-מאכער זענען געטריי צו אריבערפירן מער פארצווייגטע לעגיסלאציע דורך א קאנסטיטוציאנאלע אמענדמענט וואס רוקט לאקאלע וואלן צו גלייכע נומערן יארן דורכאויס די גאנצע סטעיט, אריינגערעכנט מיוניסיפל וואלן אין ניו יאָרק סיטי."

**ברענאן צענטער פאר יוסטיץ סיניאר קאונסיל אין די וואלן און רעגירונג פראגראם דזשאאנא זדאניס האט געזאגט,** "דער ברענאן צענטער אפלאדירט ניו יארק סטעיט'ס פירער פארן דעליווערן די וויכטיגע לעגיסלאציע צו רוקן געוויסע אומגלייכע-יארן לאקאלע וואלן צו גלייכע יארן. מיר ווייסן פון ערפארונג דורכאויס דאס לאנד אז עס וועט פארמערן ווײלער טורנאויט, מוטיגן באטייליגונג דורך א מער פארטרעטנדע עלעקטאַרעיט, און פארזיכערן אז מער בארעכטיגטע ניו יארקער האבן א ווארט אין די באשלוס וואס אפעקטירן זייערע לאקאלע קאמיוניטיס. מיר מוטיגן אונזערע געזעץ מאכער צו בויען אויף דעם מאמענט דורכן אנהויבן דעם פראצעדור צו רוקן אלע עלעקשאנס - אריינגערעכנט סיטי אפיסעס - צו גלייכע יארן."

**ניו יארק ציווילע ליבערטיס יוניאן דירעקטאר פון וואל רעכטן פראיעקט פערי גראסמאן האט געזאגט,** "שטארקע, אייניגע טורנאויט איז א צייכן פון א געזונטע דעמאקראטיע. דורכן פארגרינגערן פאר אלע ניו יארקער צו אנטײלנעמען אין לאקאלע וואלן, וועט דער געזעץ נישט בלויז הייבן די לעגיטימקייט פון אונזערע סטעיט'ס וואלן, נאר אויך מוטיגן די פאראנטווארטליכקייט און ענטפערונג פון אונזערע געזעץ מאכער. עס קומט זיך פאר ניו יארקער פארטרעטונג וואס שפיגלט בעסער אפ דער ווילן פון די מענטשן."

**היספאנישע פעדערעישאן פרעזידענט און CEO פרענקי מיראנדא האט געזאגט,** "היספאנישע פעדערעישאן אפלאדירט גאָווערנאָר האקול פארן אונטערשרייבן די וואלן פארגלייכונג ביל אלס געזעץ. דער נייע געזעץ פארגרינגערט די סטעיט'ס קאמפליצירטע וואלן סיסטעם, וואס וועט מוטיגן מער ניו יארקער צו נעמען אנטייל אין אונזער דעמאקראטישע פראצעדור. א שטארקע דעמאקראטיע פארלאנגט

צו צוברעכן אומנויטיגע גרעניצן צו פארזיכערן אז וויפיל וויילער עס איז נאר מעגליך געבן אפ זייער שטימע אין לאקאלע, סטעיט און נאציאנאלע וואלן. דאס איז ספעציעל אמת יעצט ווען וואל רעכטן פאר קאלירטע קאמיוניטיס זענען אונטער אטאקע דורכאויס דאס לאנד. אלס פירער מוזן מיר טון אלעס וואס מיר קענען ווייטער צו צעברעכן גרעניצן, באשיצן אונזערע וואל רעכטן, און מוטיגן אונזערע קאמיונטיס צו לאזן הערן זייערע שטימעס."

**לעגאלע דעפענס פאנד רידיסטריקטינג קאונסעל מייקל פערניק האט געזאגט,** "מיר באדאנקען גאָווערנאָר האקול פאר איר פירערשאפט מיטן אונטערשרייבן דעם עלעקשאן פארגלייכטונג בילס און סענאטאר סקופיס פארן ספאנסאר'ן די לעגיסלאציע. די לאנדמארק לעגיסלאציע וועט אוועקנעמען פארשידענע אף-סייקל וואלן ביים לאנד און טאון שטאפל דורכאויס די סטעיט, וואס פארערגערן ראסע דיסקרימינאציע אין פאליטישע פארטייען און פירן צו נישט גענוג פארטרעטונג פון שווארצע וויילער און אנדערע הויט קאליר וויילער. די לעגיסלאציע וועט פארמערן ציווילע באטייליגונג אין לאקאלע וואלן און אוועקנעמען א שטער צו פארטרעטונג וואס שעדיגט מער שווארצע וויילער און אנדערע הויט קאליר וויילער."

**NALEO עדיוקעישאנעל פאנד CEO ארטורא ווארגאס האט געזאגט,** "די עלעקשאן פארגלייכונג ביל שטעלט פאר א קריטישע געלעגנהייט צו שטארקן די וואל באפעלקערונג פאר לאטינאס און אנדערע נישט גענוג פארטרעטענע גרופעס. אונזער דעמאקראטיע איז שטארקער ווען מער מענטשן נעמען אנטייל אין די עלעקטארעל פראצעדור. מיר דאנקען לעגיסלאטארן און דעם גאָווערנאָר פארן פריאריטיזירן די עדות-באזירטע לעגיסלאציע און קוקן ארויס פאר מער געלעגנהייטן צו פארמערן וויילער באטייליגונג."

**אינסטיטוט פאר רעספאנסיוו גאָווערמענט עקזעקיוטיוו דירעקטאר סעם אליקער-פרידלענד האט געזאגט,** "מיר אפלאדירן גאָווערנאָר האקול פארן אונטערשרייבן די וויכטיגע ביל. רוקן וואלן צו אייניגע יארן איז א קאמאן-סענס שריט צו מער פארטרעטנדע וואלן און באדייטנדע קאסט שפארונג פאר וואל באאמטע. דער ביל וועט ברענגען מער וויילער אריין אינעם פאליטישן פראצעדור, אריינגערעכנט יונגע וויילער און קאלירטע הויט וויילער, און פארמיידן עקסטרעם נידריגע טורנאויט און נישט גענוג פארטרענענע רעזולטאטן אין לאקאלע וואלן."

**דזשענערעישאן וואוט מענעדזשינג דירעקטאר ברענדען קושינג האט געזאגט,** "דזשענערעישאן וואוט טוט שטאלץ אינדארסירן NYS S3505B/A4282B, וואס וועט פאראייניגן געוויסע לאקאלע וואלן אינדרויסן פון ניו יאָרק סיטי מיט גלייכע-נומערן יאר וואלן. דער יעצטיגער סיסטעם פון האלטן לאקאלע וואלן אין אומגלייכע-נומערן יארן פירט צו וויילער צעמישעניש אוןביישטייערט צו נידריגע וויילער באטייליגונג אין לאקאלע וואלן - ספעציעל פאר יונגע וויילער און סטודענטן. אלס אן אינטערסעקשאנעל יוגנט-געפירטע באוועגונג וואס קעמפט פאר אונזער רעכט צו שטימען און בכלל א דעמאקראטיע פאר יעדן, טוט GenVote אפלאדירן גאָווערנאָר האקול פארן ברענגען דעם ביל אלס געזעץ, וואס וועט אין ענדע ערלויבן יונגערע וויילער צו ווערן בעסער פארטרעטן אין הויכע-טורנאויט, גלייכע יאר וואלן."

**סיטיזען עקשאן פון ניו יארק דעמאקראטיע קאאליציע קאארדינעיטער קארען ווארטאן האט געזאגט,** "וויילער טורנאויט אין ניו יארק אין די אף יארן איז געווען אפגרונט-נידריג מיט אן עלעקטארעיט וואס איז עלטער, ווייסער, רייכער און נישט ספעציעל קיין אפשפיגלונג פון אונזער הערליכע מאזעאיק פון ניו יארקער. דער פראקטיצירונג פון אף-יארן וואלן דיסענפרענטשייז'ט קאמיוניטיס וואס זענען הויט קאלירט און יונגע מענטשן. דער ריפארם וועט גלייך פארמערן וויילער באטייליגונג. דערפאר אפלאדירן מיר גאווערנאר קעיטי האקאל און די NYS לעגיסלאטור פאר די קריטישע ריפארם אין אונזער מארש פון די ערגסטע ביז די בעסטע אין די לאנד אין דעמאקראטיע."

**לאטינאדזשאסטיס PRLDEF סיניאר קאונסיל פאלוויע ווארגאס-דע לעאן האט געזאגט**, "דאס אונטערשרייבן די לעגיסלאציע איז נאך א שריט צו ברענגען ווייִלער אין ניו יארק צו א ריכטיג אריינגעמענדע דעמאקראטיע. דער ביל וועט אוועקנעמען א גרויס טייל פון ווייִלער צעמישעניש און נידריגע טורנאויט וואס פלאגט אונזערע לאקאלע וואלן. מיר קוקן ארויס צו זען די ווירקונג פון דעם געזעץ אויף די לאטינא קאמיוניטי'ס מעגליכקייט צו פולשטענדיג אנטיילנעמען אין די עלעקטארעל פראצעדור."

**דאמיניקאנאס USA עקזעקיוטיוו דירעקטאר עדי קועסטא האט געזאגט**, "DUSA אנערקענט דעם גאווערנאר'ס באמיאונגען אינעם אונטערשרייבן א געזעץ וואס וועט פארזיכערן מער אנטיילנעמונג אין אונזערע וואלן פאר אלע ווייִלער. דער געזעץ וועט גאראנטירן אז ווייִלער זאלן יעצט האבן א שאנס צו ווערן ריכטיג אויסגעהערט ביי יעדן שטאפל פון רעגירונג. מיר קוקן ארויס צו אריינגעמען די קאמיוניטי צו ווייטער ארויסקומען שטימען און אנטיילנעמען אין וואלן."

**קא-גרינדערין און דירעקטאר פון YVOTE סאנדא באלאבאן האט געזאגט**, "YVOTE טוט ענטוזיאסטיש אפלאדירן גאָווערנאָר האקול פארן אונטערשרייבן די וויכטיגע לעגיסלאציע אלס געזעץ היינט. רוקן לאקאלע וואלן צו גלייכע יארן וועט ערמעגליכן א מער יושר'דיגע דעמאקראטיע אין קאמיוניטיס דורכאויס אונזער סטעיט, אריינגערעכנט פאר אונזערע יונגסטע ווייִלער ווען עס קומט זיך צו הערן זייערע שטימעס הויך און קלאר ביים שטים קעסטל. אלס אן ארגאניזאציע וואס איז פאקוסירט אויף מוטיגן און מאבילעזירן יונגע ווייִלער, ווייסן מיר וואספארא חילוק דאס וועט מאכן. מיר דאנקען אונזערע געזעץ מאכער פארן פריאריטיזירן און מוטיגן די פרא-ווייִלער פאליסי ביי די סעסיע."

**עלעקשאן געזעץ קליניק ביי הארווארד געזעץ שולע האט געזאגט**, "פארגלייכן לאקאלע וואלן מיט אלגעמיינע וואל איז אויפגעוויזן געווארן צו זיין איינע פון די מערסט אפעקטיווע וועגן נישט בלויז צו פארמינערן לעכער אין טורנאויט דורך ראסע און עלטער, נאר אויך צו פארבעסערן גאווערנענס אויסגאנג כדי לאקאלע רעגירונגען זאלן בעסער אפשפיגלען דעם ווילן פון זייערע אונטערטאנען. די עלעקשאן געזעץ קליניק ביי הארווארד געזעץ שולע אפלאדירט גאווערנאר האקול און די ביל ספאנסארס, סענ. סקופיס און AM פאולין, פארן העלפן ניו יארק אנטיילנעמען אין די גרופע סטעיטס וואס האבן גענומען דעם וויכטיגן שריט צו פארבעסערן פארטרעטונג אין לאקאלע רעגירונג."

**YMCA פון גרעיטער ניו יארק פרעזידענט און CEO שארען גרינבערגער האט געזאגט**, "די YMCA פון גרעיטער ניו יארק פייערט גאָווערנאָר האקול'ס באשלוס צו אונטערשרייבן S3505-B/A4282-B אלס געזעץ און הייבן ווייִלער אנטיילנעמונג דורכן רוקן לאקאלע וואלן צו גלייכע נומערן יארן. יעדעס יאר טוט די Y רעגיסטרירן ווייִלער און מיטטיילן וואל אינפארמאציע כדי אונזערע מיטגלידער זאל קענען לאזן זייערע שטימעס זיך הערן ביים שטים קעסטל. מיר זענען איבערגליקליך צו זען קאמיוניטי מיטגלידער באקומען מער צוטריט און מיר קוקן ארויס צו זען א גרעסערע טייל פון ניו יארקער אנטיילנעמען אין לאקאלע וואלן."

היינטיגן טאג'ס שריט בויט אויף גאָווערנאָר האקול'ס שטארקע רעקארד פון שטארקן וואל רעכטן און פארברייטערן צוטריט צום שטים קעסטל דורכאויס איר אדמיניסטראציע. אין יוני 2022, האט דער גאָווערנאָר איינגעפירט דעם דזשאן ר. לואיס וואל רעכטן אקט, די שטארקסטע סטעיט-שטאפל וואל רעכטן אקט אינעם לאנד, באשיצנדיג ניו יארקער ווייִלער פון ווייִלער איבערשטייגונג, אונטערדרוקונג, צוואנג און אנדערע גרעניצן צו ווייִלער אנטיילנעמונג. אין דעצעמבער 2022, האט דער גאָווערנאָר איינגעפירט לעגיסלאציע וואס פארברייטערט וויפיל צייט ניו יארקער ווייִלער האבן זיך צו רעגיסטרירן צו שטימען, רוקנדיג דעם דעדליין פאר ווייִלער רעגיסטראציע פון 25 טעג איידער וואלן צו די קאנסטיטוציאנאל-ערלויבטע מינימום פון בלויז 10 טעג איידער וואלן. אין סעפטעמבער 2023, האט גאָווערנאָר האקול אונטערגעשריבן א געזעץ וואס שטעלט אוועק א סיסטעם פון פריע שטימען דורך

פאסט, שאפנדיג א פראצעדור וואס ערלויבט אלע בארעכטיגטע, רעגיסטרירטע ניו יארקער וויילער צו האבן די געלעגנהייט צו שטימען פרי דורך די פאסט איידער וואלן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן